# ווײַטער

אינטערנעץ־אויסגאַבע פֿאַר די וואָס לערנען זיך ייִדיש

וועט אַרויסגעגעבן דורך דער „פֿאָרווערטס“־אַסאָציאַציע

פֿאָרווערטס

איז די עלטסטע ייִדישע צײַטונג אין דער וועלט
געגרינדעט אין יאָר 1897

www.yiddish.forward.com/vayter

זיבעטער יאָרגאַנג ✦ תשע״ב – 2012 ✦ נומער 3 (56)


# „די בריקן פֿון אַשכּנז“ בײַ „ייִדיש־זומער־ווײַמאַר“


איציק גאָטעסמאַן (ניו־יאָרק)


צום צווייטן מאָל האָט די ייִדישע מוזיק־ און שפּראַך־פּראָגראַם בײַם „ייִדיש־זומער־ווײַמאַר“ געשטעלט דעם טראָפּ אויף די פֿאַרבינדונגען צווישן די ייִדישע און דײַטשע פֿאָלקסלידער, טענץ און אינסטרומענטאַלער מוזיק. דער אַנאַליז פֿון דער געשיכטע לגבי די באַציִונגען צווישן די צוויי פֿעלקער, דײַטשן און ייִדן, איז פֿאַרכמאַרעט געוואָרן נאָכן חורבן, און ד״ר אַלען בערן, דער גרינדער און דירעקטאָר פֿון „ייִדיש־זומער־ווײַמאַר“, האַלט, אַז איצט איז געקומען די צײַט צו באַטראַכטן די בשותּפֿותדיקע מוזיקאַלישע אַספּעקטן אין דער געשיכטע.

מיט דעם ציל און אויף דער טעמע האָט מען פֿאַרבעטן עטלעכע לערערס אָנצופֿירן מיט די אינטענסיווע וואַרשטאַטן. אַנדרעאַס שטיטגאַס, אַ דײַטשער מוזיקער פֿון קעלן, פֿון דער קאַפּעליע „קיצל אין האַרצן“, האָט בעתן פֿאַרגאַנגענעם יאָר אויסגעזוכט די פּאַראַלעלן צווישן די ייִדישע און דײַטשע פֿאָלקסלידער. נוסחאָות פֿון די זעלביקע לידער, אויף ביידע שפּראַכן, האָט ער געפֿונען סײַ בײַ מער באַקאַנטע לידער ווי „גיי איך מיר שפּאַצירן“, סײַ בײַ זעלטן־געזונגענע באַלאַדעס ווי „פֿאָרט אַ ייִדעלע, פֿאָרט אַרויס“ און „אַ בער פֿון וואַלד“. דאָס פּסח־ליד „אחד מי יודע“ האָט אויך אַן אַלטן וואַריאַנט אויף דײַטש, און מע האָט זיי ביידע געלערנט. שמיטגאַס און זײַן מיט־לערערין, די זינגערין סוועטלאַנאַ קונדיש, האָבן אָפּט בײַם זינגען געמישט



דער דירעקטאָר פֿון „ייִדיש־זומער־ווײַמאַר“, אַלען בערן, מיט אָנטיילנעמער אינעם אַוואַנסירטן געזאַנג־וואַרשטאַט

די ייִדישע און דײַטשע וואַריאַנטן, כּדי אַרויסצוהייבן די ענלעכקייטן.

אַ וויכטיקער מקור ווּ צו געפֿינען די דײַטשע פֿאָלקסלידער, איז דער „דײַטשער פֿאָלקסליד־אַרכיוו“, וואָס געפֿינט זיך אין דער דײַטשער שטאָט פֿרײַבורג. די ביבליאָטעקערין, באַרבאַראַ באַך, האָט מען אויך פֿאַרבעטן אויף „ייִדיש־זומער־ווײַמאַר“, זי זאָל אויפֿטרעטן מיט עטלעכע לעקציעס וועגן דער געשיכטע פֿון דײַטשער פֿאָלקס־ליד־פֿאָרשונג און זאַמלאַרבעט. אין דעם אַרכיוו ליגט אַן אוצר פֿון דײַטשן פֿאָלקלאָר, און באַך פֿאַרמאָגט אַן ענציקלאָפּעדישן זכּרון און קען זינגען די דײַטשע באַלאַדעס אויסנווייניק.

פֿון האַלע, דײַטשלאַנד, איז גע־קומען ד״ר דיאַנאַ מאַטוט, אַ פֿאָר־שערין פֿון די עלטסטע זינגלידער אויף ייִדיש. אין איר וואַרשטאַט, האָט איר געהאָלפֿן לערנען דער מוזיקער דזשעף וואַרשאַוער. מאַטוט האָט פֿאַראַיאָרן אַרויסגעגעבן דאָס וויכטיקע ווערק „דיכטונג און מוזיק אין פֿרי־נײַצײַטישן אַשכּנז“, אין וועלכן זי שרײַבט וועגן די דאָזיקע ייִדישע לידער. אין איר קלאַס האָבן די סטודענטן זיך אויסגעלערנט די לידער, און זיי האָבן אָפּט געקלונגען ניט אַנדערש ווי די קריסטלעכע לידער פֿון יענער צײַט. זעט אויס, אַז אַזוי איז געווען די מאָדע... ווי עס קריסטלט זיך, אַזוי ייִדלט זיך.

די סטודענטן זײַנען הײַנטיקס יאָר געקומען פֿון דײַטשלאַנד, האָלאַנד, פֿראַנקרײַך, אַמעריקע, רוסלאַנד און


(המשך אויף זײַט 8)

## ייִדישע מאָזאַיִק

# אַ קאָנפֿערענץ און פּובליקאַציעס וועגן שלום־עליכמען




ס׳איז ניט קיין סוד, אַז שלום־עליכם ווערט איצט געלייענט, דער עיקר, אויף אַנדערע שפּראַכן, ניט אויף ייִדיש. די סיבה איז אַ פּשוטע: דער ייִדישער לייענער פֿון זײַנע ווערק איז כּמעט ניט בנימצא. פֿאַרבונדן איז אַזאַ מצבֿ ניט נאָר מיט דער צאָל מענטשן, וואָס קענען איבערלייענען אַ ייִדישן טעקסט. די זאַך איז אַז, ערשטנס, נאָר זייער אַ קליינער חלק פֿון אָט די ייִדיש־לייענעדיקע לײַט (בדרך־כּלל פֿרומע) וועלן נעמען אין די הענט אַ בוך פֿון אַזאַ „טריפֿהנעם" שרײַבער. צווייטנס, אויב זיי וועלן אַפֿילו עפֿענען שוין יאָ אַזאַ בוך, וועט זיי זײַן גאַנץ שווער צו פֿאַרשטיין שלום־עליכמס פּראָזע. אי די שפּראַך איז אַנדערש אין פֿאַרגלײַך מיט דעם ייִדיש וואָס דער פֿרומער עולם רעדט הײַנט־צו־טאָג, אי די סבֿיבֿה און די געשעענישן, באַשריבן דורך דעם ייִדישן קלאַסיקער, זײַנען זייער ווייניק באַקאַנט אין די איצטיקע חרדישע קרײַזן.

מע קען ניט זאָגן, אַז די איבערזעצונגען פֿון שלום־עליכמס ווערק ווערן צע־כאַפּט דורך דעם מאַסן־לייענער. זײַן נאָמען איז ברייט באַקאַנט מערסטנטייל אַ דאַנק די מאָדערנע גילגולים פֿון זײַנע ווערק; קודם־כּל, פֿון דעם „פֿידלער אויפֿן דאַך". און דאָך האָבן זײַנע ווערק לייענער (זאָל זײַן אַ באַגרענעצטע צאָל) אויף פֿאַרשיידענע שפּראַכן. און די צאָל איבערזעצונגען האַלט אין איין וואַקסן. בפֿרט נאָך, אַז אַזאַ לעקטור ווערט גענוצט אויף די לערן־קורסן פֿון פֿאַרשיידענע ניוואָען.

פֿאַר די איבערזעצער בלײַבט שלום־עליכם אַ „שווערער" שרײַבער. באַזונדערס שווער איז איבערצוגעבן זײַן הומאָר, וואָס איז אָפֿט מאָל באַזירט אויף אַ קאָמישן צונויפֿשטויס פֿון פֿאַרשיידענע לעקסישע קאָמפּאָנענטן, למשל, סלאַווישע און לשון־קודשדיקע. ווי אַזוי קען מען עס אָפּשפּיגלען אויף ענגליש, רוסיש צי פֿראַנצויזיש? אָדער וואָס טוט מען מיטן שרײַבערס רמזים אויף תּנ״ך אָדער תּלמוד, אויף כּלערליי ייִדישע מינהגים? שלום־עליכם פֿלעגט דאָך אַליין אינסטרוקטירן זײַנע איבערזעצער, זיי זאָלן באַפֿרײַען זייערע פֿאַרטײַטשונגען פֿון צו פֿיל ייִדישע אַלוזיעס. בכלל, „דע־ייִדישיזאַציע" איז שוין לאַנג אַ פֿאַרשפּרייטער פֿענאָמען אין איבערזעצונגען פֿון ייִדישע מחברים בכלל, און פֿון שלום־עליכמען, בפֿרט.

הקיצור, אַ סך אויספּרוּוון שטייען אויפֿן וועג פֿון דעם מענטש, וועלכער האָט זיך אַרויסגערופֿן צו פֿאַרטײַטשן דעם ייִדישן קלאַסיקערס ווערק פֿאַר אַן עולם, וואָס לעבט זיך אויס אין אַן אַנדער שפּראַך און אַן אַנדער קולטור. ניט צופֿעליק האָט אַ ווערק אָפֿט מאָל עטלעכע איבערזעצונגען. דער נוסח, וואָס איז געווען אפֿשר גוט פֿאַר די לייענער פֿון אָנהייב 20סטן יאָרהונדערט, ווערט דערנאָך פֿאַרביטן דורך נײַע פֿאַרטײַטשונגען, וועלכע קלינגען בעסער און קלאָרער פֿאַר די שפּעטערדיקע דורות.

* * *

אין אויגוסט 2010 האָט זיך אין אָקספֿאָרד צונויפֿגעקליבן אַ גרופּע ליטעראַטור־קענער און היסטאָריקער, כּדי צו באַטייליקן זיך אין אַן אינטער־נאַציאָנאַלער קאָנפֿערענץ, די אָרגאַ־ניזאַטאָרן פֿון וועלכער האָבן געשטעלט דעם ציל צו אַנאַליזירן די היסטאָרישע דערפֿאַרונג פֿון איבערזעצן שלום־עליכמען. דעם גערעם פֿונעם אַנאַליז האָט מען באַגרענעצט מיט אייראָפּע. די אידעע פֿון דער דאָזיקער באַגרע־נעצונג איז געווען אַזאַ: די רײַכע און אייגנאַרטיקע דערפֿאַרונגען פֿון צפֿון־ און דרום־אַמעריקע, ווי אויך פֿון ישׂראל, פֿאַרדינען, מע זאָל זיי אַנאַליזירן באַזונדער.

אַיצט האָט דער אָקספֿאָרדער פֿאַרלאַג „לעגענדאַ" אַרויסגעגעבן אַ באַנד, **Translating Sholem Aleichem: History, Politics, and Art**, וואָס איז באַזירט אויף די רעפֿעראַטן, צוגעגרייט פֿאַר יענער קאָנפֿערענץ (זען **http://www.legendabooks.com/titles/isbn/9781907975004.html**). דאָס איז שוין דער צענטער באַנד אין דער סעריע „שטודיעס פֿון ייִדיש", וואָס דער דאָזיקער אָקספֿאָרדער פֿאַרלאַג גיט אַרויס. פֿאַקטיש, איז עס הײַנט־צו־טאָג די איינציקע סטאַבילע סעריע

(סוף אויף זײַט 3)

# אַ קאָנפֿערענץ און פּובליקאַציעס וועגן שלום־עליכמען

(סוף פֿון זײַט 2)

אַקאַדעמישע ביכער, געווידמעט ייִדיש. ס׳איז שוין אַנאָנסירט געוואָרן, אַז די צוויי קומענדיקע בענדער פֿון אָט דער סעריע וועלן זיך באַשעפֿטיקן מיט די שרײַבער יוסף אָפּאַטאָשו און דער ניסתּר.

ס׳איז באַוווּסט, אַז רוסיש האָט געשפּילט זייער אַ גרויסע ראָלע אין שלום־עליכמס לעבן. דאָס איז געווען די שפּראַך, אויף וועלכער ער האָט גערעדט אין דער היים – מיט זײַן ווײַב און זײַנע קינדער. אויף רוסיש האָט ער געשריבן ס׳רובֿ זײַנע בריוו. עס זײַנען דאָ אויך אַ צאָל דערציילונגען, וועלכע שלום־עליכם האָט אָנגעשריבן אויף רוסיש. קיין חידוש ניט, אַז דווקא די רוסישע איבערזעצונגען (ווי אויך די דערמאָנטע אָריגינעלע ווערק אויף רוסיש) פֿאַרנעמען דאָס צענטראַלע אָרט אין דעם היסטאָריש־ליטעראַרישן אַנאַליז, וואָס עס לייגט פֿאָר דער נײַער באַנד.

ווי נאָך איין בײַ־פּראָדוקט פֿון דער קאָנפֿערענץ, זײַנען אין דעם מאָסקווער זשורנאַל Новое литературное обозрение („נײַער ליטעראַרישער איבערזיכט") אַרויס דרײַ אַרטיקלען אויף דער טעמע „פּאַראַדאָקסן פֿון אַ ליטעראַרישער רעפּוטאַציע: שלום־עליכם ווי אַ רוסיש־סאָוועטישער קלאַסיקער" – זען http://www.nlo-books.ru/node/1990.




בינו־לבינו (שוין אָן אַ שײַכות צו דער קאָנפֿערענץ), איז אין קיִעוו אַרויס דאָס ערשטע בוך פֿון אַ נײַער פּובליקאַציע – אויף ייִדיש און רוסיש – פֿון שלום־עליכמס ווערק. לויט דעם פּלאַן, וועלן אַרויסגיין נאָך דרײַ בענד פֿון אָט דער אויסגאַבע.

# ייִדיש אין אַן עסטרײַכישער וואַלד־לאָנקע

זינט דעם יאָר 1979 גייט אַרויס אין דער עסטרײַכישער שטאָט גראַץ דער זשורנאַל Lichtungen (לאָנקעס), וואָס איז געוואָרן אַ גאַנץ באַקאַנטער ליטעראַרישער פֿאָרום. אין זײַן נומ׳ 128 (http://www.lichtungen.at/heft_detail.asp?heft=55&jahr=2011), האָט דער זשורנאַל אויסגעטיילט אַ דריטל פֿון זײַן פֿאַרנעם פֿאַר דײַטשישע איבערזעצונגען פֿון לידער און פּראָזע־ווערק, אָנגעשריבן דורך אַ צאָל הײַנט־צײַטיקע ייִדישע מחברים: לאה ראָבינסאָן, שלום בערגער, לייזער בורקאָ, חיקע ברוריה וויגאַנד, באָריס סאַנדלער, מיכאל פֿעלזענבאַום, בערל קאָטלערמאַן, עמיל קאַלין. דער איבערזעצער, טאָמאַס סאָקסבערגער, איז אַליין אַ ייִדישער שרײַבער.

זײַנע לידער און דערציילונגען האָבן זיך געדרוקט אין פֿאַרשיידענע




צײַטשריפֿטן. אָט איז איינס פֿון זײַנע צוויי לידער, וואָס זײַנען פֿאַרעפֿנטלעכט אין די „לאָנקעס":

## פֿאַרגעס־אין־מיר

עס בליט אַ בלום: „פֿאַרגעס־אין־מיר".
מסתּמא ס׳איז פֿאַר דער בלום
די צײַט צו בליִען איצט. ווײַל ניט
איך קום
שוין מער צו דיר, און ניט מער דו צו מיר.
דערפֿאַר וואַקסט איצטער אויס,
גאַנץ נאָענט בײַ מײַן טיר, די בלום
„פֿאַרגעס־אין־מיר".

זי בליט, די בלום „פֿאַרגעס־אין־מיר"
מיט אַזאַ אויסטערליש קאָליר
(פֿאַר קיינעם ניט געדאַכט).
עס אַרט מיך ניט איר בליִען, ניין.
איך האָב פֿון לאַנג שוין ניט קיין
האַרץ ניט מער.
נאָר עס אַרבעט יענער פּלומפּ אין מיר
וואָס טיאָכקעט, טיאָכקעט, נודנע,
טאָג ווי נאַכט.

# יוסף בורג (1912—2009)




דעם 30סטן מײַ 1912 איז אין דעם בוקאָווינער שטעטל וויזשניץ געבוירן געוואָרן דער ייִדישער שרײַבער יוסף בורג. אין זײַן יוגנט האָט ער זיך געלערנט אין ווין, אָבער נאָך דעם „אײַנשלוס“ האָט ער געמוזט זיך אומקערן אין בוקאָווינע, קיין טשערנאָוויץ. אַזוי איז ער געוואָרן אַ סאָוועטישער בירגער, ווײַל טשערנאָוויץ, ביז אַהער אַ שטאָט אין רומעניע, איז זומער 1940 אָקופּירט גע־וואָרן דורך דער רויטער אַרמיי און איז געוואָרן אַ טייל פֿון סאָוועטן־אוקראַיִנע. אַזוי – שוין אַן אוקראַיִנישע שטאָט – בלײַבט טשערנאָ־וויץ ביזן הײַנטיקן טאָג.

הגם בורגס ערשטע ווערק האָבן זיך באַוויזן אין צײַטשריפֿטן נאָך אין די 1930ער יאָרן און פֿון צײַט צו צײַט פֿלעגן זײַנע דערציילונגען זיך באַווײַזן אין דעם מאָסקווער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד“, איז ער גע־וואָרן באַזונדערס באַקאַנט סוף 1980ער יאָרן. דעמאָלט האָבן אין דײַטשלאַנד אָנגעהויבן אַרויסגיין איבערזעצונגען פֿון זײַנע ווערק. אַ דאַנק דעם פֿונאַנדערפֿאַל פֿונעם סאָוועטישן רעזשים, איז געפֿאַלן דער „אײַזערנער פּירהאַנג“, וואָס האָט געהאַלטן פֿאַרמאַכט די סאָוועטישע וועלט. ווי אַ פּועל־יוצא, האָט בורג באַקומען די מעגלעכקייט אַרויסצופֿאָרן פֿון לאַנד, און ער איז געוואָרן אַן אָפֿטער און אָנגעלייגטער גאַסט אין די דײַטש־רעדנדיקע לענדער.

יוסף בורג איז געווען אַקטיוו אויך אין זײַן שטאָט. ער איז געשטאַנען בראָש דער היגער ייִדישער קולטור־אָרגאַניזאַציע. אויף אַ קורצער צײַט האָט זיך אים אײַנגעגעבן צו באַנײַען (דער עיקר, סימבאָליש) די צײַטונג „טשערנאָוויצער בלעטער“, וועלכע פֿלעגט אַרויסגיין פֿאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה. מענטשן פֿלעגן פֿאָרן קיין טשערנאָוויץ צו באַגעגענען זיך מיט דעם אַלטן אינטעלעקטואַל, וואָס האָט אין זיך געטראָגן די חכמה פֿון עטלעכע קולטורן: ייִדישער, רוסישער, דײַטשישער. מע האָט אין אים געזען אַ לעבעדיקן סימבאָל פֿון דעם דור און דער צײַט, וואָס איז שוין מער ניט געווען בנימצא.

מיט זײַן טויט, איז פֿאַרמאַכט געוואָרן דאָס לעצטע זײַטל אין דער געשיכטע פֿון ייִדישער ליטעראַטור ניט נאָר אין בוקאָווינע, נאָר אין גאַנץ אוקראַיִנע. אַן אינטערוויו מיט יוסף בורגן, פֿילמירט אין 2003, קען מען זען און הערן אין:

http://www.facebook.com/video/video.php?v=739259855229

## ווערטער



# דיוואַן



אין ייִדיש איז דאָס וואָרט „דיוואַן“ אַ גאַסט פֿון סלאַווישע שפּראַכן. אָבער ניט אַלע סלאַוון האָבן זיך צונויפֿגערעדט, ווי אַזוי צו אינטער־פּרעטירן דאָס וואָרט, וואָס איז צו זיי געקומען, אַ פּנים, פֿון טערקיש. האָבן די פּאָליאַקן (און במילא אויך פּוילישע ייִדן), למשל, גענומען אַזוי אָנרופֿן אַ טעפּעך, בעת די רוסן און אוקראַיִנער (און ייִדן פֿון יענע מקומות) רופֿן אַזוי אַ סאָפֿע.

און עס באַקומט זיך, אַז די אײַנלאַדונג „זעצט זיך, זײַט אַזוי גוט, אויפֿן דיוואַן“, קען מיינען פֿאַרשיידענע זאַכן.

## פֿאַר קליין און גרויס



### ייִדישע מעשׂיות פֿון בעלץ

איבערדערציילט פֿון באָריס סאַנדלער

# דער וואָרט־זאָגער

אַ מאָל איז עס געווען, ווען די מלאכים זײַנען געווען אין הימל, און אויף דער ערד האָבן געלעבט גוטע מענטשן. איז געווען אַזאַ פֿײַנער ייִד, אַ לערנער אין דאָרף. האָט ער געהאַט דרײַ זין, געטרײַע קינדער. און ווען ס'איז געקומען זײַן צײַט צו שטאַרבן, האָט ער צונויפֿגערופֿן זײַנע דרײַ זין און האָט צו זיי געזאָגט אַזוי: „מײַנע ליבע קינדער, איך גיי שטאַרבן. לאָז איך אײַך אַ צוואה און זאָג אײַך אָן, אַז איך וועל שטאַרבן, זאָלט איר מיך מקבר זײַן לעבן יענעם יעלניק, ווו דער געלער זאַמד אין וועלדל, און איר זאָלט קומען צו מיר נעכטיקן אויף מײַן קבֿר דרײַ נעכט נאָכאַנאַנד, איינציקווײַז. זאָל פֿריִער קומען דער עלטערער זון, דערנאָך דער מיטעלער און צום סוף זאָל קומען דער ייִנגסטער. קומט און האָט פֿאַר גאָרניט מורא – וועט אײַך זײַן גוט!"

און דער ייִד איז געשטאָרבן, און זײַנע זין האָבן אַלץ געטאָן אַזוי ווי ער האָט זיי פֿאַרזאָגט אין דער צוואה. די ערשטע נאַכט גייט דער עלטערער זון נעכטיקן אויפֿן טאַטנס קבֿר. האָט ער איבערגענעכטיקט די נאַכט און אַז ס'איז געוואָרן טאָג, איז ער געגאַנגען אַהיים. אויפֿן וועג אַהיים באַגעגנט ער אַן אַלטן ייִד, אַ צעקנייטשטן אַן אײַנגעבויגענעם, מיט אַ לאַנגער ווײַסער באָרד און געדיכטע ווײַסע ברעמען. און פֿון אונטער די בערשטעלעך ברעמען קוקן אַרויס צוויי ווילע אויגן. ווער איז דער ייִד? אליהו הנבֿיא.

פֿרעגט אים דער אַלטער ייִד: „פֿון וואַנען גייסטו, זונעלע?" דערציילט אים דער עלטערער זון די גאַנצע מעשׂה און גיט צום סוף צו: „אַזוי ווי דער טאַטע האָט פֿאַרזאָגט, מוזן מיר אים פֿאָלגן!" זאָגט דער אַלטער ייִד צו אים: „וואָס ווילסטו, זונעלע, ווען מע לייגט דיר פֿאָר: צי אַ פֿעסל גאָלד? צי אַ פֿונט מזל? אָדער זײַן אַ וואָרט־זאָגער?" זאָגט דער עלטערער זון: „פֿון די דרײַ זאַכן, וואָלט איך בעסער געוואָלט אַ פֿעסל גאָלד!" – „גוט, – זאָגט דער אַלטער, – גיי אַהיים, וועסטו שוין זען".

אויפֿן צווייטן טאָג איז געגאַנגען דער מיטעלער זון נעכטיקן אויפֿן טאַטנס קבֿר. האָט ער איבערגענעכטיקט די נאַכט און אַז ס'איז געוואָרן טאָג, איז ער געגאַנגען אַהיים. אויפֿן וועג אַהיים באַגעגנט ער אַן אַלטן ייִד. ווער איז דער ייִד? אליהו הנבֿיא. פֿרעגט אים דער אַלטער ייִד: „פֿון וואַנען גייסטו, זונעלע?" דערציילט אים דער מיטעלער זון די גאַנצע מעשׂה און גיט צום סוף צו: „אַזוי ווי דער טאַטע האָט פֿאַרזאָגט, מוזן מיר אים פֿאָלגן!" זאָגט דער אַלטער ייִד צו אים: „וואָס ווילסטו, זונעלע, ווען מע לייגט דיר פֿאָר: צי אַ פֿעסל גאָלד? צי אַ פֿונט מזל? אָדער זײַן אַ וואָרט־זאָגער?" זאָגט דער מיטעלער זון: „פֿון די דרײַ זאַכן, וואָלט איך בעסער געוואָלט אַ פֿונט מזל!" – „גוט, – זאָגט דער אַלטער, – גיי אַהיים, וועסטו שוין זען".

אויפֿן דריטן טאָג איז געגאַנגען דער ייִנגסטער זון נעכטיקן אויפֿן טאַטנס קבֿר. האָט ער אויך איבערגענעכטיקט די נאַכט און אַז עס איז געוואָרן טאָג, איז ער געגאַנגען אַהיים. און ווידער, ווי מיט זײַנע עלטערע ברידער, האָט אים באַגעגנט אויפֿן וועג אליהו הנבֿיא, אויסגעפֿרעגט אים, אויסגעהערט אים און געזאָגט, ווי זײַן שטייגער איז: „וואָס ווילסטו, זונעלע, ווען מע לייגט דיר פֿאָר: צי אַ פֿעסל גאָלד? צי אַ פֿונט מזל? אָדער זײַן אַ וואָרט־זאָגער?" זאָגט דער מיטעלער זון: „פֿון די דרײַ זאַכן, וואָלט איך בעסער געוואָלט זײַן אַ וואָרט־זאָגער!" – „גוט, – זאָגט דער אַלטער, – גיי אַהיים, וועסטו שוין זען".

נו, איז אַזוי טאַקע געווען, ווי יעדער ברודער האָט געוואָלט און ווי דער אַלטער ייִד האָט צוגעזאָגט: דער על־טערער ברודער האָט באַקומען אַ פֿעסל גאָלד, און איז געוואָרן זייער רײַך. דער מיטעלער ברודער – אַ פֿונט מזל, און אים איז געווען נאָך בעסער, ווײַל וואָס ער זאָל ניט געווען טאָן, איז אים געגאַנגען מיט מזל און מיט גליק. אָבער דער ייִנגסטער ברודער האָט גאָרניט געהאַט. נאָך מער: די עלטערע ברידער האָבן געלאַכט פֿון אים: „נאַדיר גאָר אַ וואָרט־זאָגער! יעדער שלעפּער איז הײַנט אַ וואָרט־זאָגער!"

דער ייִנגסטער ברודער האָט זיי גאָרניט געענטפֿערט און זיך אַוועק אין דער וועלט. גייט ער זיך אַזוי דורך אַ וואַלד און זינגט זיך צו:

ליב האָט איינער פֿעסער גאָלד,
פֿאַר אַ צווייטן גאָלד – איז מזל.
גאָלד – איז שווײַגן, נאָר ניט איך,
האַלט מען מיך פֿאַר אַ שלימזל.

זיך אָפּגעשטעלט בײַ אַ הויכן בוים, האָט ער מיט אַ פֿאַרביטערט האַרץ אַ זאָג געטאָן: „איך זאָג, אַז דער בוים זאָל אײַנפֿאַלן, זיך אָנטשעפּען אין מײַן מאַנטל און זיך שלעפּן נאָך מיר ביזן קייסערס פּאַלאַץ!" און ווי נאָר ער האָט די ווערטער אַרויסגעזאָגט, איז דער בוים גלײַך אַנידערגעפֿאַלן און האָט זיך אָנגעטשעפּעט אין זײַן מאַנטל. האָט ער זיך שוין אַזוי געלאָזט גיין צום קייסערס פּאַלאַץ.

ווען ער איז פֿאַרבײַגעגאַנגען דעם פּאַלאַץ, האָט אים פֿון אַ פֿענצטער דערזען דעם קייסערס טאָכטער. איז אויף איר אָנגעפֿאַלן אַ געלעכטער, נאָר אויף צו פּלאַצן. און ווער וואָלט זיך דען געקאָנט אײַנהאַלטן: אַ מאַן גייט

(המשך אויף זײַט 6)

# דער וואָרט־זאָגער

(המשך פֿון זײַט 5)

און זייער אַ לאַנגער בוים שלעפּט זיך אים נאָך? אָבער דעם וואָרט־זאָגער האָט איר געלעכטער פֿאַרדראָסן. זאָגט צו איר מיט כּעס: „אַ געלעכטער אין דײַן בויך אַרײַן!“ און ווי נאָר ער האָט די ווערטער אַרויסגעזאָגט, איז זי באַלד טראָגעדיק געוואָרן און האָט געהאַט אַ קינד. איז געוואָרן אַ רעש און אַ טומל אויף דער גאַנצער מדינה: סטײַטש, דעם קייסערס טאָכטער האָט געהאַט אַ קינד און מע ווייסט ניט פֿון וועמען!

וואָס טוט דער קייסער? ער רופֿט צונויף דעם סענאַט און דער סענאַט באַשליסט, אַז ווען דאָס קינד וועט אַלט ווערן צוויי יאָר, זאָל מען מאַכן אַ גרויסן באַל און מע זאָל צונויפֿרופֿן אַלע אײַנוווינער פֿון דער מדינה. דאָס קינד זאָל מען אַרויפֿשטעלן אויפֿן טיש, וועט מען זען, צו וועמען דאָס קינד וועט זיך ציִען – יענער איז זײַן טאַטע.

אַז דער סענאַט באַשליסט, מוז מען טאָן. דאָס קינד איז געוואָרן צוויי יאָר אַלט, האָט דער קייסער געמאַכט אַ גרויסן באַל מיט אַלע גוטע זאַכן, אויף אַלע קבצנים געזאָגט געוואָרן; אַרומגעזעצט די מענטשן אַרום דעם טיש – פֿון איין עק מדינה ביזן אַנדערן עק – און האָט אויפֿן טיש אַרויפֿגעשטעלט דאָס קינד. אָבער דאָס קינד האָט זיך צו קיינעם ניט געקערט. דעמאָלט האָט מען גענומען זוכן מענטשן, וואָס האָבן זיך געקאָנט באַהאַלטן, אָדער מ׳האָט זיי געקאָנט פֿאַרזען. און אַזוי איז טאַקע געווען; אין אַ קליינעם קלויז, עק שטאָט האָט מען געפֿונען אַ מאַן, וואָס איז געזעסן הינטערן אויוון און האָט געלערנט.

זאָגט מען אים: „שיינער מענטשן, קום צום טיש!“ איז ער געגאַנגען. האָט מען אים אַוועקגעזעצט צום טיש, געגעבן אים צו עסן פֿון די אַלע גוטע זאַכן, און דערנאָך האָט מען אַרויפֿגעשטעלט דאָס קינד אויף דעם טיש. ווי נאָר דאָס קינד האָט דערזען דעם מאַן, האָט זיך עס באַלד אַ ציִ געטאָן צו אים מיט די הענטעלעך.

איז באַלד געוואָרן אַ זשום און אַ רעש. זאָגט מען צום וואָרט־זאָגער: „שיינער מענטש, ציִ ווייסטו, אַז דו ביסט דער פֿאָטער פֿון דעם קינד?“ זאָגט ער: „מעגלעך!“ פֿרעגט מען אים: „וואָס זאָל מען מיט דיר טאָן דערפֿאַר?“ זאָגט ער: „טוט וואָס איר ווילט!“ האָט דער קייסער ווידער צונויפֿגערופֿן דעם סענאַט און דער סענאַט האָט באַשלאָסן מע זאָל אַלע דרײַ, דעם פֿאָטער און די מוטער מיטן קינד, פֿאַרשליסן אין אַ קאַסטן און זיי אַוועקלאָזן אויפֿן טײַך שווימען.

אַז דער סענאַט באַשליסט, מוז מען טאָן. האָט מען אַרײַנגעזעצט דעם וואָרט־זאָגער, דעם קייסערס טאָכטער און דאָס קינד אין אַ גרויסן קאַסטן, געגעבן זיי אַ לעבל ברויט מיט זיך, און אַוועקגעלאָזט זיי אויפֿן טײַך שווימען. שווימען זיי אַזוי, שווימען און דער וואָרט־זאָגער זינגט זיך צו זײַן לידעלע:

ליב האָט איינער פֿעסער גאָלד,
פֿאַר אַ צווייטן גאָלד – איז מזל.
גאָלד – איז שווײַגן, נאָר ניט איך,
האַלט מען מיך פֿאַר אַ שלימזל.

פֿונעם זינגען ווערט מען אָבער ניט זאַט, עסט ער אויף דאָס גאַנצע לעבל ברויט. זאָגט דעם קייסערס טאָכטער צו אים: „וואָס עסטו אַליין אויף דאָס גאַנצע לעבל ברויט? מיר זײַנען דאָך אויך הונגעריק!“ זאָגט ער: „פֿאַר אײַך וועט זײַן אַן אַנדער לעבל ברויט“. און ווי ער זאָגט עס אַרויס, איז גלײַך געוואָרן נאָך אַ לעבל ברויט.

אַז דעם קייסערס טאָכטער האָט דאָס דערזען, רופֿט זי זיך אָן צום וואָרט־זאָגער: „אַז דו ביסט שוין אַזאַ וואָרט־זאָגער, טאָ זאָג אַ וואָרט מיר זאָלן צושטיין צום ברעג“. אַ קייסערס אַ טאָכטער קאָן מען ניט אָפּזאָגן,

(סוף אויף זײַט 7)



# דער וואָרט־זאָגער

(סוף פֿון זײַט 6)

בפֿרט אַז בעתן שווימען, האָט זי אים אָנגעהויבן אַלץ מער און מער געפֿעלן ווערן. זאָגט ער: „גענוג געשווּמען, שוין צײַט צום ברעג צושטייַן!" און ווי נאָר ער האָט אַרויסגעזאָגט די ווערטער, זײַנען זיי צוגעשטאַנען צום ברעג. זאָגט זי: „ווי באַלד מיר זײַנען שוין צוגעשטאַנען צום ברעג, טאָ זאָג, אַז דער קאַסטן זאָל זיך עפֿענען". „נו, זאָל זיך דער קאַסטן עפֿענען!" האָט זיך דער קאַסטן שוין אויך געעפֿנט.

אַרויסגעקראָכן פֿונעם קאַסטן אויפֿן ברעג, האָט דעם קייסערס טאָכטער זיך אַרומגעקוקט און פֿאַרשטאַנען, אַז זיי געפֿינען זיך אויף אַן אינדזל, גרויס ווי אַ גענעץ. „ווייסטו וואָס, – האָט זי זיך אָנגערופֿן צום וואָרט־זאָגער, – אַז דו ביסט שוין אַזאַ גרויסער זאָגער, טאָ זאָג אַזוי, אַז פֿון דעם אינדזל זאָל זיך ציִען אַ זילבערנע בריק מיט גאָלדענע פּאָרענטשן צו מײַן טאַטנס פּאַלאַץ!" קיין גרויסן חשק זיך אומקערן אַהין, פֿון וואַנען מ׳האָט אים אַרויסגעטריבן, האָט דער וואָרט־זאָגער ניט געהאַט. און דאָך, האָט ער דער שיינער טאָכטער, דעם קייסערס, ניט געקאָנט אָפּזאָגן.

ווי נאָר ער האָט געזאָגט אַלץ וואָס מע דאַרף, איז באַלד געוואָרן אַ זילבערנע בריק, מיט גאָלדענע פּאָרענטשן. דעם קייסערס טאָכטער האָט גע־שײַנט פֿאַר פֿרייד; אָבער ס׳איז איר נאָך אַלץ ווייניק, זאָגט זי: „ווי באַלד אַזוי, טאָ זאָג שוין, אַז עס זאָל ווערן אַ קרישטאָלענע קאַרעטע, מיט פֿיר פֿערד געשפּאַנט און מיר זאָלן אַזוי צו־פֿאָרן צום קייסערס פּאַלאַץ". האָט דער וואָרט־זאָגער געזאָגט אַזוי ווי זי האָט געוואָלט. איז גלײַך שטיין געבליבן פֿאַר זיי אַ קרישטאָלענע קאַרעטע, מיט פֿיר גניאַדע פֿערד, וואָס קלאַפּן מיט די קאָ־פּיטעס אין דער ברוק און רײַסן זיך אין גאַלאָפּ אַרײַן.

נו, זײַנען זיי צוגעפֿאָרן צום קייסערס פּאַלאַץ, האָט אים גלײַך אַ בליאַסק געטאָן אין די אויגן די זילבערנע בריק, די גילדענע פּאָרענטשן און די קרישטאָלענע קאַרעטע. פֿרעגט ער אַ פֿאַרוווּנדערטער: „וואָס איז דאָס, טאָכטער מײַנע, ווער האָט דאָס אַלץ געמאַכט?" ווײַזט אים די טאָכטער אָן אויף דעם וואָרט־זאָגער. זאָגט דער קייסער צו אים: „ווי באַלד אַזוי, ביסטו דאָך גאָרניט קיין פּראָסטער מאַן! טאָ נאַדיר נאָך דערצו אַ האַלבע מדינה, און לעב גליקלעך מיט מײַן טאָכטער און דײַן זון!"

נו, האָט מען געמאַכט אַ גרויסע שׂימחה, און דער בדחן האָט פֿריילעך געזונגען דאָס באַקאַנטע לידעלע:

ליב האָט איינער פֿעסער גאָלד,<br>
פֿאַר אַ צווייטן גאָלד – איז מזל.<br>
גאָלד – איז שווײַגן, נאָר ניט איך,<br>
האַלט מען מיך פֿאַר אַ שלימזל.

## וויצן

אַ פּאָרפֿאָלק איז אַרויס אויף אַ שפּאַציר. אויפֿן ראָג פֿון דער גאַס, ווו זיי האָבן שפּאַצירט, איז געשטאַנען אַ יונגע פֿרוי. ס׳איז קלאָר געווען, אַז זי האָט אויף עמעצן אַרויסגעקוקט. אין אַ רגע אַרום איז צו איר צוגעלאָפֿן אַ יונגער בחור, האָט זי אַרומגענומען און גענומען קושן.

„ס׳איז אַ פּוסטע טירחה צו דער־וואַרטן פֿון דיר אַזאַ זאַך", – האָט זיך געוואָנדן דאָס ווײַב צו איר מיטשפּאַ־צירנדיקן מאַן. – „פֿאַר וואָס קענסטו עס ניט טאָן?"

„וואָס וועל איך זיך פּלוצעם אַרויפֿ־וואַרפֿן אויף איר? איך קען דאָך זי אין גאַנצן ניט".

אַ פּאָרפֿאָלק איז געקומען צו אַ דאָקטער. זיי האָבן אים דערציילט, אַז זיי האָבן חתונה געהאַט מיט אַריבער דרײַסיק יאָר צוריק און כּמעט די גאַנצע צײַט איז בײַ זיי אַלץ געווען גוט. אָבער לעצטנס האָבן זיי זיך דערפֿילט אָפּגעפֿרעמדט און ווייסן ניט ווי אַזוי אויסצוסדרן זייערע צווישנבאַציִונגען.



דער דאָקטער האָט זיי אויסגעהערט און, ווען זיי האָבן פֿאַרענדיקט דערציילן זייער געשיכטע, איז ער אויפֿגעשטאַנען, צוגעגאַנגען צו דער פֿרוי און האָט זי הייס אַ קוש געטאָן. דערנאָך האָט ער זיך געוואָנדן צו דעם מאַן:

„אָט אַזוי דאַרף מען טאָן, לכל־הפּחות, דרײַ מאָל אַ וואָך. לאָמיר זאָגן – מאָנטיק, מיטוואָך און פֿרײַטיק".

„מאָנטיק און מיטוואָך קען איך זי ברענגען צו אײַך. דאָס קען איך אײַך צוזאָגן. אָבער וואָס שייך פֿרײַטיק איז עס אויסגעשלאָסן, ווײַל יעדן פֿרײַטיק שפּיל איך טעניס מיט מײַנע פֿרײַנד."

# „די בריקן פֿון אַשכּנז" בײַ „ייִדיש־זומער־ווײַמאַר"

(המשך פֿון ערשטער זײַט)

לעטלאַנד, און געווען אויף אַן אוניווערסיטעטער מדרגה. אינעם וואַרשטאַט וועגן ייִדישע פֿאָלקסלידער פֿון מיזרח־אייראָפּע, מיט וועלכן איך און די זינגערין עטל ריים האָבן אָנגעפֿירט, האָט מען זיך אָפּגעגעבן מיטן עלטערן סטיל פֿון געזאַנג אויף ייִדיש; אַ סטיל, דער עיקר, געזונגען פֿון פֿרויען אָן באַגלייטונג.



שׂרה מײַערסאָן

עטל ריים, אַ מומחה אינעם פֿאָלקס־געזאַנג־סטיל פֿון פֿאַרשיידענע טראַדיציעס – באַלקאַניש, רוסיש, אַמעריקאַניש – האָט יעדן מעלאָדישן קנייטש אין די לידער אײַנגעחזרט מיט די סטודענטן, וועלכע זײַנען געווען פּראָפֿעסיאָנעלע זינגערס און מוזיקער און האָבן גיך אויפֿגעכאַפּט אירע עצות און אָנווײַזונגען. ווען דער גאַנצער קלאַס האָט צוזאַמען געזונגען די אַלטע באַלאַדע „טײַערע טאָני" מיט אַלע סטיליסטישע פּיטשעווקעס, האָט אַזש געציטערט אין די ביינער.

אין אָוונט האָט „ייִדיש־זומער־ווײַמאַר", ווי געוויינטלעך, דורכגעפֿירט אַן עפֿנטלעכן קאָנצערט פֿאַר דער גאַנצער שטאָט. די ערשטע נאַכט האָבן די לערערס פֿון דער פּראָגראַם געזונגען און געשפּילט אין אַ קאָנצערט לזכר דער זינגערין חנה קופּער, וועלכע איז געשטאָרבן אין דעצעמבער 2011. אַ צווייטן אָוונט האָט דיאַנאַ מאַטוט גרופּע „שׂימחת־הנפֿש" געשפּילט און געזונגען ייִדישע לידער פֿון עטלעכע הונדערט יאָר צוריק.

בערן האָט אויך אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן מיט דער שטאָט ווײַמאַר, אַז אין די אָוונטן ווען קיין קאָנצערט קומט ניט פֿאָר, זאָלן די סטודענטן פֿון „ייִדיש־זומער־ווײַמאַר" זינגען און שפּילן אומזיסט אין דרויסן, פֿאַרן ברייטערן עולם, מע זאָל מהנה זײַן ווער נאָר עס שפּאַצירט פֿאַרבײַ אָדער עסט אינעם דערבײַיִקן רעסטאָראַן. ווען פּאַנטשור האָט געזונגען אירע בײַערישע לידער, אין וועלכע מע יאָדלט, האָבן אַלע מיטגעיאָדלט.

ווער זײַנען געווען די סטודענטן? שׂרה מײַערסאָן פֿון ניו־יאָרק שטודירט אויף צו ווערן אַ חזן בײַם „ייִדישן טעאָלאָגישן סעמינאַר". זי וועט אויך זײַן די וואָך פֿון „ייִדיש־זומער־ווײַמאַר" וואָס גיט זיך אָפּ מיט קינדער־לידער און שפּילן, ווײַל אין ניו־יאָרק פֿירט זי אָן מיט געזאַנג־קלאַסן און קינדער־פּראָגראַמען. זי איז אויפֿגעוואַקסן אין אַ פֿאָלקמוזיק־ און פֿאָלקטאַנץ־סבֿיבֿה.

האַנס־קריסטיאַן ווײַסקער שטאַמט פֿון דער געגנט טורינגען, פֿון אַ קליין שטעטל, און איז געווען דער איינציקער זכר אינעם גאַנצן וואַרשטאַט. ער איז אַ פּיזיקער און אַרבעט אין מאַרסיי, פֿראַנקרײַך, אין אַ פֿאָרש־אינסטיטוט.



האַנס־קריסטיאַן ווײַסקער

„מיט אַ סך יאָרן צוריק האָב איך געהערט אַ קאָנצערט פֿון דער גרופּע 'בראַווע אַלטע וועלט' און עס האָט אויף מיר געמאַכט אַ רושם. אין 2002 בין איך דאָס ערשטע מאָל אַהערגעקומען, און איך קום צוריק כּמעט יעדעס יאָר. צו ערשט, האָב איך זיך פֿאַרשריבן אין די קלאַסן פֿון אינסטרומענטאַלער מוזיק פֿאַר אַקאָרדעאָן, אָבער די לעצטע פֿיר יאָר באַטייליק איך זיך אינעם געזאַנג־וואַרשטאַט." האַנס האָט שטודירט קלאַסישע וואָקאַלע מוזיק אין „יענאַ־אוניווערסיטעט" און איז ספּעציעל פֿאַרכאַפּט פֿון די ווערטער פֿון די לידער, און וואָס זיי האָבן באַטײַט פֿאַר די זינגער. ער איז זיך מודה, אַז ער ווייסט ווייניק וועגן דעם קאָנטעקסט פֿון די זינגער און זייערע לידער און דאָס איז איין סיבה, פֿאַר וואָס ער קומט. סוף־כּל־סוף, וועט ווײַסקער שאַפֿן אַ גרופּע און אויפֿטרעטן מיט די אַלטע ייִדישע לידער, ווי אויך נײַערע לידער וואָס ער האָט זיך אויסגעלערנט אין ווײַמאַר, ווי די לידער פֿונעם קאָמפּאָזיטאָר יעפֿים טשאָרני.

ד"ר דיאַנאַ מאַטוט לערנט אינעם דײַטשן אוניווערסיטעט אין האַלע, ניט ווײַט פֿון ווײַמאַר, אין אַן אינסטיטוט פֿון ייִדישע שטודיעס. זי איז די לערערין פֿון דער ייִדישער שפּראַך, ווי אויך פֿון דער ליטעראַטור און געשיכטע, בפֿרט פֿון דער תּקופֿה 1500 ביז 1800. איר דיסערטאַציע האָט געפֿאָרשט דעם עלטסטן כּתבֿ־יד פֿון ייִדישע זינגלידער, געשריבן אין 1600, אָבער קיין מוזיק־נאָטן זײַנען ניט געדרוקט געוואָרן אינעם טעקסט, נאָר די נעמען פֿון די ניגונים, צו וועלכע מע דאַרף זינגען די ווערטער.

צום ערשטן מאָל וועט מען אין דער פּראָגראַם פֿון „ייִדיש־זומער־ווײַמאַר" האָבן אַ קינדער־וואַרשטאַט און ד"ר מאַטוט וועט דאָס פֿירן – „מיר האָבן אַראָפּגענומען פֿון אינטערנעץ די אַלטע ייִדישע קינדער־ביכער און אויסגעקליבן אַלטע לידער און נײַע לידער. ס'רובֿ קינדער אינעם וואַרשטאַט, אַחוץ די דרײַ קינדער פֿון פּראָפֿ' נויבערג פֿון טריער אוניווערסיטעט, קענען ניט קיין ייִדיש, דאַרף מען בויען אַ בריק מע זאָל קענען גיין אַריבער."

אויף דער טעמע טאַקע – די בריקן פֿון אַשכּנז – האָבן אַלע וואַרשטאַטן אין „ייִדיש־זומער־ווײַמאַר" זיך אָפּגעגעבן, און אַ דאַנק דער געטרײַשאַפֿט פֿון די לערער און סטודענטן, וועט מען די פּראָגראַם געדענקען לאַנגע יאָרן.